**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/21/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט אנהויב פון 13.9 מיליאן דאלארדיגע מולטי מאדעל פראיעקט איבערן טרואוועי אין וועסטשעסטער קאונטי**

***ביציקל\פוסגייער בריק איף סאוט בראדוועי רוט 9 אין טעריטאון וועט געבויט ווערן איבער טרואוועי I-87/I-287***

***גאווערנאר מאריאו מ. קאומאו בריק זייטיגע וועג וועט ווערן פארלענגערט דרום צו לינדהורסט מענשאן***

***טרואוועי ארויף און אראפ רעמפס ביי סאוט בראדוועי וועלן פארברייטערט ווערן***

***נייע טראפיק סיגנאל וועט אינסטאלירט ווערן ביי הויפט אינטערסעקשאן, צווישן אנדערע שאסיי פארבעסערונגען***

גאווערנאר קעטי האקול האט היינט געמאלדן אז די טרו-וועי אויטאריטעט וועט אנהויבן א $13.9 מיליאן מולטי מאדעל פראיעקט דורכאויס סאוט בראדוועי רוט 9 אין די ווילעדזש ווו טעריטאון אין וועסטשעסטער קאונטי. די פילזייטיגע פראיעקט וועט פארלענגערן די גאווערנער מאַריאו מ. קאומאו בריק וועג דרום צו לינדהורסט מענשאן און אריינגעמען דאס בויען א 270-פוס לאנגע פוסגייער בריק איבער די טרו-וועי I-87/I-287 צו פארבעסערן צוטריט און פארמערן זיכערהייט פאר פוסגייער און ביציקליסטן.

"פארברייטערן פוסגייער און ביציקל צוטריט דורכאויס די האדסאן טייך איז גאר וויכטיג צום פארבינדן קאמיוניטיס פאר פארוויילונג און רייזן," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די פארטנערשיפ צווישן די טרו-וועי אויטאריטעט און די טראנספארטאציע דעפארטמענט וועט צושטעלן אויסגעצייכנטע נייע סערוויסעס פאר די איינוואוינער פון טאריטאון און די באזוכער פון די האָדסאן וואלי -- שאפנדיג מער פארזיכערטע, מער פארבינדענע קאמיוניטיס."

די ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט איז א געלט שותף איף די צוויי-יאר פראיעקט, וואס וועט אויך:

- אויסברייטערן די רעמפס ביי טרו-וועי אינטערדזשעינדזש 9 פירנדיג צו און פון סאוט בראדוועי;
- צולייגן א צווייטע לינקע טורן לעין פון סאוט בראדוועי צו די סאוטבאונד טרו-וועי אריינגאנג רעמפ;
- אינסטאלירן א טראפיק סיגנאל איף סאוט בראדוועי ביי פאולדינג עוועניו עס צו מאכן מער פארזיכערן פאר מאטאריסטן זיך צו איינדרייען;
- פארזיכערן און איבערדעקן סאוט בראדוועי פון רוט 119 ביז פונקט דרום פון גרעיסמעיר לעין;
- אריבערפירן א ווילעדזש וואסער מעין ארויף איף די סאוט בראדוועי בריק.

**טרו-וועי אויטאריטעט אינטערים עקזעקיוטיוו דירעקטאר פרענק ג. האור האט געזאגט, "די** וויכטיגע פראיעקט וועט פארבעסערן די סאוט בראדוועי קארידאר אין טאריטאון און עס מאכן מער פארזיכערט פאר פוסגייער און ביציקליסטן צו האבן צוטריט צו די גאווערנער מאַריאו מ. קאומאו בריק, און אנדערע ביציקל\פוסגייער נעטווארקס אזוי ווי ריווערוואלק און די אלד קראטאן אקוועדאקט. אינוועסטירונגען אין אינפראסטרוקטור אזוי ווי דער פרא, בענעפיטירט נישט בלויז די קאמיוניטי, נאר אלע פון די וועלכע באזוכן די ווילעדזש און אירע פילע אטראקציעס."

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון טראנספארטאציע קאמישאנער מארי טעריסע דאמינגעז האט געזאגט,** "די זייטיגע וועג פון די גאווערנער מאַריאו מ. קאומאו בריק איז איינע פון די האדסאן וואלי'ס אויסגעצייכנטע פארוויילונג אטראקציעס, ערלויבנדיג פאר די ביציקליסטן און פוסגייער אויגפארכאפנדע שטרעקעס פון די האדסאן טייך אזוי ווי זיי גייען דורך איינע פון דאס לאנד'ס בעסטע ביישפילן פון 21'סטן יאר הונדערט אינפראסטרוקטור. די דעפארטמענט פון טראנספארטאציע איז שטאלץ זיך צו אנשליסן מיט די טרו-וועי אויטאריטעט אויף דעם פראיעקט, וואס וועט מאכן אריבערגיין דעם בריק נאכמער א מוז-טון אקטיוויטעט, און צושטעלן פאר ביציקליסטן און פוסגייער א מער פארזיכערטע וועג צו אריבערגיין די רוט 9 קארידאר און דערגרייכן פאפולערע פארוויילונג דעסטינאציעס אין וועסטשעסטער."

**סענאט מאיאריטעט פירערין ענדריע סטואַרט-קאַזינס האט געזאגט,** "איך בין צופרידן אז איך האב געשטיצט די גרויסארטיגע רוט 9 פראיעקט אין טאריטאון וואס וועט פארלענגערן א זייטיגע וועג פאר ביציקליסטן און פוסגייער פון די מאריא קואמא בריק אראפ ביז לינדהורסט אריינגערעכנט א פוסגייער בריק איבער די טרו-וועי. עס וועט פארבעסערן די רעמפס סיי ארויף און אראפ פון די טרו-וועי און וויכטיג צולייגן א טראפיק ליכט ביי בראדוועי'ס אינטערסעקשאן מיט פאולדינג. די ליכט איז א לאנג-נויטיגע פארזיכערונג פאר די זיכערהייט פון די איינוואוינער אינעם געגנט ווי אויך די וואס גייען אריין און ארויס פון די שעימס JCC. עס איז א געווינס פאר פוסגייער, ביציקליסטן, און מאטאריסטן - און איך אפלאדיר די NYS טרו-וועי אויטאריטעט און NYS דעפארטמענט פון טראנספארטאציע פאר זייער מי."

**אסעמבלימיטגליד מארידזשעין שימסקי האט געזאגט,** "ניו יארק סטעיט'ס 13.9 מיליאן דאלער אינוועסטירונג דורכאויס סאוט בראדוועי אין טאריטאון וועט פארבעסערן לאקאלע אינפראסטרוקטור און טראנספארטאציע פלוס - סיי אויב דורך אויטאמאביל, ביציקל, אדער פוס. מערסט באדייטנד, וועט א נייע פוסגייער בריק צושטעלן א שטארק-געברויכטע, פארזיכערטע פארבינדונג פאר פוסגייער און ביציקליסטן וואס רייזן צווישן אירווינגטאן און טאריטאון. איך דאנק די DOT און די סטעיט טרו-וועי אויטאריטעט פארן אדרעסירן די לאנג-נויטיגע געברויכן פון די שטארק באנוצטע קארידאר."

**וועסטשעסטער קאונטי עקזאקוטיוו דזשארדזש לאטימער האט געזאגט,** "מעינטעין'ען אונזערע שאסייען כדי רייזנדע און די וואס באזוכן אונזערע היסטארישע פלעצער זאלן קענען האבן א גלאטע, פארזיכערטע צוטריט צו אלעס וואס וועסטשעסטער האט צוצושטעלן איז א וויכטיגע פונקציע פון די רעגירונג. איך בין שטאלץ צו ארבעטן מיט אונזערע שותפים אין ניו יארק סטעיט אויף די וויכטיגע אפגרעיד צו פארמערן זיכערהייט און פארבעסערן די געלעגנהייטן פאר וועסטשעסטער איינוואוינער און באזוכער צוגלייך צו באזוכן און הנאה האבן."

**גרינבורג טאון סופערווייזער פאול פיינער האט געזאגט,** "איך בין זייער צופרידן אז די NYS טרו-וועי אויטאריטעט פלאנירט פוסגייער, ביציקל און זיכערהייט פארבעסערונגען דורכאויס סאוט בראדוועי (רוט 9) אין די ווילעדזש אוו טאריטאון. איך בין א שטארקער ביציקליסט. אלע באמיאונגען צו פארבעסערן ביציקל און פוסגייער צוטריט צום בריק ווערט באגריסט."

די נייע 270 פוס לאנגע פוסגייער בריק איז די העכסטע פראפייל באשטאנדטייל פונעם פראיעקט. זייענדיג 14 פוס ברייט, וועט עס געבויט ווערן אין 11 ברוכטיילן דורך LMC אינדוסטריעל קאנטראקטערס, אינק., פון עוואן, ניו יארק און פארבינדן אנ-סייט. מאדיולער קאנסטראקשאן ערלויבט פיל פון די ארבעט פארצוקומען ערגעץ אנדערש אין א קאנטראלירטע אומגעבונג, דערמיט פארמינערנדיג די מאס אקטיוויטעט נעבן און העכער שאסייען און באגרעניצנדיג ווירקונגען פאר מאטאריסטעם און איינוואוינער. ערווארטעט צו ווערן אויפגעשטעלט שפעטער דאס יאר, וועט די בריק זיך געפינען אויפן מערב (האדסאן טייך) זייט פון סאוט בראדוועי.

נאכן פארענדיגן דעם פראיעקט ביי די ענדע פון 2024, וועט די גאָווערנאָר מאריא מ. קואמא בריק'ס זייטיגע וועג זיך פארברייטערן אומגעפער איין מייל דרום פון די וועקס וועסטשעסטער לענדינג ביי 333 סאוט בראדוועי אין טאריטאון צו לינדהורסט מענשאן, פון וואו פוסגייער און ביציקליסטן וועלן זיך קענען גלאטערהייט פארבינדן מיט די אלד קראטאן אקוועדאקט טרעיל.די זייטיגע וועג ענדיגט זיך יעצט ביי א הויכע וואליום דזשאג הענטל וואו סאוט בראודוועי טרעפט זיך מיט רוט 119. איבער 500,000 מענטשן האבן באזוכט דעם בריק'ס 3.6 מייל ליניע זייט עס האט זיך געעפנט אין יוני 2020.

אנגעהויבן די וואך, וועלן גרופעס ארבעטער אנהויבן אפריייניגן ביימער און גראבן אין ערווארטונג פון אויפגראבונג אקטיוויטעטן אינערהאלב די סאוט בראדוועי בריק ארבעט זאנע. דאס וועט ווערן נאכגעפאלגט מיט אויפבוי פון נייע קאנקריט בריק אבאטמענטס אויף ביידע זייטן פונעם טרו-וועי.

די הויפט טייל פון די אויפבוי וועט פארקומען דורכאויס די טאג; געוויסע ארבעט וואס פארלאנג טרו-וועי לעין פארשליסונגען וועט פאסירן ביינאכט פאר די זיכערהייט פון ארבעטער און צו באגרעניצן ווירקונגען אויף טראפיק. אין צוגאב, וועלן די עקזיט 9 רעמפס ווערן פארמינערט צו איין לעין ווי נויטיג פאר טייל אויפבוי אקטיוויטעטן.

גיאנפיע קארפאראציע פון האוטארן, ניו יארק האט געווינען דעם קאנטראקט נאכפאלגנדיג א קאנקורירנדע בידינג פראצעדור.

דרייווערס קענען זיך אנשטויסן אין לעין פארמינערונגען דורכאויס די ארבעט זאנע צומאל און ווערן דערמאנט אז אין ניו יארק סטעיט זענען קנסות געטאפלט פאַר פארן שנעל אין אן ארבעט זאנע. אין איינקלאנג מיט דער ארבעט זאנע זיכערהייט געזעץ (Work Zone Safety Act) פון 2005, קען דאס באשולדיגט ווערן צוויי אדער מער מאל מיט ספיד פארלעצונגען אין אן ארבעט זאנע ברענגען צו דאס סוספענדירן פון דעם מענטש'ס דרייווער לייסענס.

די טרו-וועי אויטאריטעט באקומט נישט קיין פעדעראלע אדער סטעיט שטייער דאלארן; עס באצאלט זיך דורך באנוצער אפצאלונגען. די אויטאריטעט'ס באשטעטיגטע 2023 בודזשעט אינוועסטירט א סך הכל פון 413 מיליאן דאלאר צו שטיצן איר קאפיטאל פראגראם, וואס דארף אינוועסטירן 1.9 ביליאן דאלארן אין קאפיטאל פראיעקטן ביז 2027.

כדי צו באקומען די לעצטע אינפארמאציע איבער רייזע אומשטענדן ווערן דרייווערס ערמוטיגט צו דאַונלאָודען איר טעלעפאן עפּ וואס איז דא צו דאַונלאָודען אומזיסט אויף iPhone און Android דעווייסעס. די עפּ גיבט דרייווער דירעקטע צוטריט צו לעבעדיגע טראפיק און אנווייזונגען הילף בשעת'ן פארן.

רייזנדע קענען אויך באזוכן די טרוועי אויטאריטעט'ס אינטעראקטיווע רייזנדע מאפע וואס פארמאגט לעבעדיגע טראפיק קעמערעס. דרייווער קענען זיך אויך איינשרייבן צו באקומען TRANSalert אימעילס, וועלכע גיבן איבער די לעצטע טראפיק אומשטענדן לענגאויס די טרו-וועי.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן